# חקר היוחסין



הרב דובעריש וועבער

א סעריע פון גאר אינטערעסאנטע ארטיקלען און פארשונגען אויף די שטאמונגען פון אידישע משפחות

אין א המשך צו אונזער סעריע "חקר היוחסין", ווילן מיר פארלייגן פאר די חשוב'ע לייענער נאך א פארשונג אין דעם סדר היוחסין פון א חשוב'ער משפחה.

דער נביא ישעיה (נא, א-ב) זאגט שמעו אלי רודפי צדק, מבקשי ה', **הביטו אל צור חוצבתם ואל מקבת בור נקרתם**, הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם.

ישעיה הנביא זאגט שוין אין די תקופה פון בית ראשון אין אנפאנג פון ג' אלפים אז מיר דארפן קוקן אל "צור חוצבתם" פון וואו איז אונזער אפשטאם, וואס דאס איז אז מיר שטאמען פון אברהם אבינו פון מער פון טויזענט יאר פריער, דאס טאקע ביי אונז שוין איינגעגלידערט שוין טויזענטער יארן זיך צו אנקערן אין אונזער אפשטאם פון אסאך דורות פריער.

דעריבער און אונזער נאטור און אויך דרך אבותינו ורבותינו, זיך כסדר אנהענגען און גרויס האלטן צו שטאמען פון גדולי ישראל און חכמים.

ביז'ן היינטיגן טאג איז דאס איינגעגעסן ביי אונז צו זוכן כסדר אונזער יחוס צו גרויסע לייט גאונים און צדיקים פון דורות צוריק, און מיט דעם וואס מען פארשט די יחוס צו דערגיין וואס מער, קען מען אמאל טרעפן א מקור אז א געוויסע זיידע איז געווען א זוהן אדער איידעם פון א געוויסן גדול, און מיט דעם איז מען שוין געווארן א גרויסן יחסן, א בנן של קדושים.

עס איז אבער נישט אזוי פשוט, מ'דארף שטארק מדקדק זיין ווען מ'טרעפט א גענעאלאגישן קשר, צי איז דאס טאקע אן עכטער קשר, דאס הייסט א זיווג, וואס פון דעם זיווג זענען דא קינדער, אדער איז דאס נישט געווען נאר א זיווג שני אדער זיווג שלישי, און קינדער זענען בכלל נישט געבוירן פון דעם זיווג.

## דער בעל שמן רוקח זצ"ל

מיר רעדן דא וועגן איינעם פון די גאר גרויסע גדולי ישראל פון מער פון צוויי הונדערט יאר צוריק, וואס מיר האבן גאנץ א גוטן פארשטאנד וועגן זיינע קינדער און אייניקלעך, דער גרויסער גאון **רבי אלעזר לעוו זצ"ל אבד"ק סאנטוב**, בעל **שמן רוקח**. הגם עס זענען זיכער נאך דא פארשידענע נישט אויפגעדעקטע פרטים, וואס דער שרייבער פון די שורות איז מקדיש שוין א לאנגע צייט צו פארשן זיינע קינדער, אייניקלעך, און אור אייניקלעך, און געפינט כסדר נאך אומבאקאנטע פרטים, איז אבער א גרויסער חלק פון זיינע קינדער און משפחות וואס קומען ארויס פון אים גאנץ באקאנט.

דער גרויסער גאון רבי אלעזר לעוו זצ"ל, איז געבוירן אין פוילן אין יאר תקי"ח, צו זיין פאטער **רבי ארי' ליב ז"ל פון וואוידיסלוב.** יונגערהייט האט ער געלערנט ביי זיין פאטער'ס פאטער, הג"ר פנחס זעליג אבד"ק לאסק, בעל מחבר ספר 'עטרת פז'.



זיין מוטער איז געווען די צדיקת מרת לאה רייצא[א] ע"ה, א טאכטער פון **הקצין המפורסם הג"ר שמואל הכהן זצ"ל מלאסק**, אן אייניקל פון **הג"ר אברהם**, א ברודער פון דעם **מהרש"א** זצ"ל.

ביי זעכצן יאר איז ער שוין געווען ראש בית דין אין וואוידיסלוב. ביי צוואנציג יאר, שנת תקל"ח, איז ער שוין געווארן רב אין פילץ, פוילן. אין יאר תקע"ב איז ער אריבער אלס אב"ד אין ראנשבערג און גליל פילזן וגלאטוי און בעהמען, אין יאר תקע"ה ווען ער האט געזען אז די קהלה אין ראנשבורג איז נישט מסוגל צו האלטן א ישיבה פאר אים איז ער אריבער קיין טרישט.

נאך א שריפה אין טרישט אין יאר תקפ"א איז ער אריבער צו ווערן רב אין ליפטא סט' מיקלאש (היינט אין סלאוואקיע). בערך אין יאר תק"ץ, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין סאנטוב, אונגארן, ביז זיין פטירה, כ"ז שבט תקצ"ז. ער איז נטמן געווארן אויפ'ן בית עלמין אין סאנטוב.

דער גאון בעל 'שמן רוקח' זצ"ל איז געווען א גאון עולם, מפורסם אין זיין דור צווישן די גדולי ישראל. ער האט מרביץ תורה געווען אין אלע שטעט וואו ער האט משמש געווען ברבנות, און אויפגעשטעלט תלמידים, צווישן זיי גאונים און תלמידי חכמים. זיינע פילע גאונ'ישע ספרים זענען פארשפרייט אין עולם התורה ביז'ן היינטיגן טאג.



די מצבה פון דעם גאון בעל 'שמן רוקח' אין סאנטוב

איבער זיין לעבנס-ביאגראפיע, און די גרויסקייט פון זיין השפעה אויף זיין דור און דורות שפעטער, פארלאנגען זיך פילע בויגנס צו באשרייבן. מיר וועלן נאר רעדן פון איין קליינעם פרט וואס איז נוגע צו דעם יחוס פון זיינע אייניקלעך.

זיין ערשטער זיווג איז געווען הרבנית מ' ייטלה, די

א. הגאון בעל שמן רוקח חתמ'עט אין זיין צוואה "אלעזר בן ראצל" אויך אין זיין צוואה שרייבט ער ווי אזוי מען זאל שרייבן אויף זיין מציבה "פ"נ אלעזר בן רייצי" אבער אין אנפאנג פון זיין ספר שמן רקח (נאווידוואהר תקמ"ח) שרייבט ער מיין מאמע'ס נאמען איז "לאה רייצא".

טאכטער פון הרב ר' יואל ז"ל, און אייניקל פון דעם ב"ח און בעל 'תורת חיים'. ווען זי איז אוועק פון דער וועלט אין יאר תקנ"ב לערך, האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית מרת רבקה אסתר ע"ה, א טאכטער פון הגאון רבי יצחק אברהם הכהן רפאפורט זצ"ל אבד"ק פינטשוב, בעל 'כתר כהונה', און אייניקל בן אחר בן פונעם גאון בעל 'שפתי כהן' זצ"ל, באקאנט אלס דער ש"ך.

דער גאון בעל 'שמן רוקח' האט געהאט מערערע קינדער פון ביידע זיווגים, אזוי אז עס זענען דא היינטיגע צייטן טויזנטער משפחות וואס שטאמען פון אים.

אן אינטערעסאנטע זאך וואס מיר טרעפן ביי די קינדער פונעם 'שמן רוקח' זצ"ל, וויבאלד ער האט משמש געווען ברבנות אין פארשידענע לענדער במשך זיין לעבן, אין פוילן, און אויך אין דער געגנט פון בעהמען (טשעכיע), אין דער געגענט פון מעהרן (סלאוואקיע), און שפעטער אין אונגארן, טרעפן מיר ווי ער האט איבערגעלאזט קינדער פארשפרייט אין די אלע לענדער, איינער ווייט פון אנדערן כרחוק מזרח ממערב.

לדוגמא, א פוילישער אדער א גאליציאנער גדול האט געווענליך איבערגעלאזט קינדער און אייניקלער אין פוילן אדער אין גאליציע, אן אונגארישער גדול - אין אונגארן, און אזוי ווייטער.

דער גאון בעל 'שמן רוקח', אבער, האט איבערגעלאזט קינדער, אין פוילן, גאליציע, טשעכן, סלאוואקיע, און אויך אין אונגארן, אזוי ווייט אז פון זיי זענען ארויסגעקומען ריזיגע משפחות אין די אלע דערמאנטע לענדער.

## דער גאון בעל 'שערי תורה' זצ"ל

מיר וועלן זיך קערן בעיקר צום עלטסטן קינד פונעם בעל 'שמן רוקח' זצ"ל, וואס איז געבוירן צו זיין פאטער בערך תקל"ב, ווען דער גאון בעל 'שמן רוקח' איז סך הכל געווען 14 יאר אלט. דאס איז



דער גאון רבי בנימין וואלף לעוו זצ"ל, בעל 'שערי תורה'

דער גאון **רבי בנימין זאב לעוו זצ"ל**, באקאנט אלס דער בעל 'שערי תורה'.

אין יאר תקמ"ח, ווען ער איז אלט געווען עטוואס מער ווי 15 יאר, האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית מ' פייגלא ע"ה, די טאכטער פון **הג"ר יצחק אייזיק אבד"ק אושפצין**, פאטער פון זיין רבי'ן **הגאון המפורסם רבי ירמי' מאטערסדארפער זצ"ל**, אזוי איז ער געווען א שוואגער מיט זיין רבי'ן דער גאון ר' ירמי' מאטערסדארפער זצ"ל.

ר' ירמי' מאטערסדארפער איז געווען פון די אויסגערופענע גדולי הדור. ער איז נפטר געווארן ד' אב שנת תקס"ה אין דעברעצין, אונגארן, און איז באערדיגט געווארן אינעם דערנעבנדיגן שטעטל, שאמשאן.



זיין שוואגער, הג"ר בנימין וואלף זצ"ל בעל 'שערי תורה', איז געווען אסאך יונגער פון אים. ער איז קודם געווארן רב אין ראספארזוב, פוילן. דערנאך, אין יאר תקע"ג, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין קאלין, בעהמען.

אין יאר תקפ"ז, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין טאפאלטשאני, סלאוואקיע. דארט האט ער געהאט אסאך מתנגדים. אין יאר תקצ"ו, נאך דער פטירה פון **הג"ר קאפיל חריף אבד"ק ווערבוי**, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין ווערבוי, ביז זיין פטירה ה' אדר תרי"א. ער איז נטמן געווארן אויפ'ן בית עלמין אין ווערבוי.

דער גאון רבי וואלף לעוו איז נאכגעגאנגען זיין פאטער'ס דרכים, א גאון עולם און מפורסם, סיי מיט הרבצת התורה, סיי מיט זיין חריפות'דיגע ספרים. ער האט געהאט מערערע תלמידים גאונים מופלגים.

נאך דער פטירה פון זיין רעביצין, מ' פיגלא ע"ה, בערך אין יאר תקפ"ז, האט ער חתונה געהאט מיט די רעביצין מ' רבקה ע"ה, א טאכטער פון דעם בארימטן גאון רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל פון בראדי. דער זיווג האט נישט אנגעהאלטן צו-לאנג, ווייל זיי האבן זיך געשיידט, שוין נאך דער פטירה פון הג"ר אפרים זלמן מרגליות זצ"ל אין יאר תקפ"ח.

אין יאר תקפ"ט האט דער גאון רבי וואלף זצ"ל חתונה געהאט מיט מ' רחל ע"ה, א טאכטער פון **הג"ר שלמה פלעש אבד"ק נייטרא**. זי איז געווען די אלמנה פון **הרבני מו"ה ר' יוסף צבי עהרנפעלד ז"ל פון נייטרא**. רבי וואלף האט חתונה געמאכט אירע טעכטער, אזוי אז זיי זענען געווען זיינע שטיף איידעמער.

## די קינדער פונעם בעל 'שערי תורה'

דער גאון בעל 'שערי תורה' דערמאנט אליין זיינע קינדער אין דער הקדמה פון זיין ערשטן חיבור,



א כתב יד פון דעם גאון רבי בנימין וואלף לעוו זצ"ל, בעל 'שערי תורה'

ספר 'שערי תורה', חלק ראשון (וויען, תקפ"א). דאס הייסט, די קינדער וואס ער האט שוין געהאט אין תקפ"א, א סך הכל פון 4 קינדער.

והברכה אחת היא לבנים בני הנחמדים מפז ה"ה **בני הבחור המשכיל כ' ירמי' שי'** לאורך ימים טובים, ובני הילד **החכם יואל נתן** ש' לאוי"ט, ובנותיי שתחי' וחתניי ה"ה הרב המאה"ג החריף ובקי מ"ו ליב נר"ו וה"ה הרבני המופלג המושלם במעלות ומדות גמיר וסביר החרוץ מ"ו אלעזר נר"י ע"ש נשותיהם **בתי הרבנית מ' יטלה לאי"ט** ובתי הצנועה המהוללה **מ' מלכה ת' לאי"ט** וצאצאיהם.

א. דער זוהן **הבחור המשכיל כ' ירמי' שי'**, איז דער גרויסער גאון רבי ירמי' לעוו זצ"ל אבד"ק אוהעל, בעל 'דברי ירמיה'. ער האט געהייסן נאך זיין פעטער הג"ר ירמי' מאטערסדארפער.

ב. דער זוהן **הילד החכם יואל נתן ש'**, זיין פאטער

דערמאנט אים נאך אין א בריוו פון שנת תקצ"ב[ב] און אויך שנת תרי"א[ג], אבער ער איז נפטר געווארן יונג און איז בארערדיגט געווארן אין סאנטוב[ד].

ג. די טאכטער **הרבנית מ' יטלה**, די רביצין פון הג"ר יהודה ליב ברודא, וואס ווערט גערופן ר' ליב פאללאק אבד"ק אויסע. קודם איז ער געווען רב אין קעניגספירד, דערנאך אין בייאה, שפעטער אין אויסע, א שטאט אין מעהרן. ער איז נפטר געווארן ה' שבט תר"ה[ה].

ר' ליב איז געווען א תלמיד פון דעם גאון בעל 'שמן רוקח', און ער האט קודם חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון זיין רבי'ן, דער גאון בעל 'שמן רוקח', דער פאטער פון בעל 'שערי תורה'. זיין רבי ברענגט איהם אין ספר 'יבין שמועה', אות תס"ט: "**חתני הרב החריף מוה' ליב ברודא שי', שהוא כעת אבדק"ק קעניגספירד**". אין ספר "מעשה רוקח"[ו] (כתב יד) שרייבט ער: "**חתני הרב החריף המופלג מו"ה ליב ברודא שי' (שהוא כעת הרב המאה"ג המפורסם אבד"ק ביאה במדינת פיהם)** שאלני...". נאך אויפ'ן ארט דארט: "**נשאלתי בזה מחתני ידידי הרב המאה"ג החריף מו"ה ליב ברודא נ"י, שהוא כעת אבד"ק ביאה**".

זעט אויס אז דארט אין ביאה און בעהמען[ז], איז זיין רביצין נפטר געווארן. ער האט דערנאך חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית מ' ייטלה ע"ה, די טאכטער פון זיין שוואגער דער גאון בעל 'שערי תורה', וועלכער ברענגט איהם עטליכע מאל אין זיינע חידושים, אזוי ווי אין יאר תקפ"א, ביים אנהייב פון ספר 'שערי תורה':

"כדי שלא להוציא חלק, אציג איזה דבר קטן בשם חתני הרב נרו יאיר, וזאת אשר כתב לי חתני **הרב המאור הגדול החריף ובקי מו"ה ליב נ"י אב"ד דק"ק ביאה**, וז"ל...".

ד. די טאכטער **מ' מלכה ע"ה**, די רביצין פון הג"ר אלעזר ווייסמאן פון טיסמניץ. דער 'שערי תורה' ברענגט איהם אין זיין ערשטן חיבור, שערי תורה חלק א', אז די חידושים פון זיין איידעם ר' אלעזר וועט ער דרוקן אין אן אנדערן חלק פון זיין ספר 'שערי תורה'.

"ח"ת מחתני הרבני המופלג המושלם במעלות ומדות גמיר וסביר החרוץ מו' אלעזר נ"י לא נדפס פה מטעם הכמוס, ויודפס בחלק ב' אי"ה".

ווי עס זעט אויס, 'נתפרדה החבילה'. זיי האבן זיך פאנאנדערגעשיידט, נאכ'ן האבן עטליכע קינדער[ח]. ממילא, ביז דער צייט ווען דער צווייטער חלק איז געדרוקט געווארן (וויען, תרי"א), איז ער שוין נישט מער נישט געווען אן איידעם ביים 'שערי תורה'.

די רעבעצין מרת מלכה האט דערנאך חתונה געהאט מיט דעם אלמן **הג"ר יצחק נתן ליפשיץ אבד"ק סאנטוב**, וואס איז ערשט נאר געווארן אן אלמן פון זיין יונגער רעביצין מ' עלקא ע"ה, א טאכטער פון **הג"ר ישראל יונה הלוי לנדא אבד"ק קעמפנא, דער מחבר פון ספר 'מעון הברכות'**. זי איז נפטר געווארן יונגערהייט, איבערלאזנדיג עטליכע קליינע קינדער[ט].

די רעביצין מ' מלכה מיט איר צווייטן מאן, **הג"ר יצחק נתן ליפשיץ זצ"ל**, האבן געהאט נאך עטליכע קינדער. מ' מלכה ע"ה איז נפטר געווארן אין סאנטוב, ז' אדר שנת תרכ"ט, און איז בארערדיגט געווארן אין סאנטוב.

פ"נ / הרבנית דפ"ק ה"ה הצנועה / מנשים באוהל תברך / צדקתה עומדת לעד / קצר המצע פארה מהשתרע / מ' מלכה בת הרב הגאון מ' / בנימין זאב זצ"ל בעהמח"ב / ס' שערי תורה / נפטרה י' אדר תרכ"ט לפ"ק

לכאורה וואלט מען געקענט אויפדרינגען, אז אין יאר תקפ"א האט דער גאון בעל 'שערי תורה' געהאט נאר די פיר קינדער, אבער דאס איז נישט ריכטיג, ווייל עס איז קלאר באקאנט נאך א טאכטער, **הרבנית מ' שרה יוכבד ע"ה**. זי איז געבוירן אין קאלין לערך שנת תקס"ז, אזוי אז בשעת ער האט ארויסגעגעבן דעם ספר שערי תורה אין שנת תקפ"א, איז זי געווען 14 יאר אלט. איר מאן איז געווען **דער גאון רבי אהרן יוסף שמואל הלוי לעווי זצ"ל, אבד"ק טרענטשין**. פון זיי זענען ארויסגעקומען גרויסע משפחות, פון זיי גאונים מפורסמים.

זי איז נפטר געווארן ביי די זיבעציג יאר אין א מוצאי שבת אין יאר תרל"ז. איר מאן, דער גאון רבי יוסף שמואל לעווי, איז נפטר געווארן ביי 76 יאר אלט, י"ד אב שנת תרמ"ב, און איז בארערדיגט אין טרענטשין.




א כתב יד פון דעם גאון רבי בנימין וואלף לעוו זצ"ל, בעל 'שערי תורה'




די מציבה פון הרבנית מ' מלכה ליפשיץ ע"ה, די טאכטער פון בעל 'שערי תורה', אין סאנטוב

ב. א בריוו וואס איז געדרוקט געווארן און קובץ כרם שלמה שנה ז' קו' א' (תשרי חשון תשמ"ד) "בני מו"ה ירמי' שי' ובני הבח' נתן שי' דש"ה"

ג. א בריוו וואס איז געדרוקט אין ספר איגרי דבי הילולי ח"ב (ברוקלין תשס"ד) עמ' ל"ג.

ד. זעה אין קונטרס זכרון אלעזר עמ' נ"ה,

ה. זעה אין ספר מליצי אש כרך ז' (ווראנוב תרצ"ח)

ו. זעה אין קובץ צפונות קובץ ט"ז עמוד צ"ט.

ז. לויט'ן הגאון בעל שמן רוקח איז די שטאט בייאה ווי זיין איידעם האט משמש געווען ברבנות, אין בעהמען, ווי ער רופט עס אין מדינת פיהם, אבער אין שם הגדולים מארץ הגר ווערט ער געברענגט אלץ די רב אין בייאה, אין אונגארן.

ח. איינער פון זייערע קינדער איז געווען מ' אידל ע"ה אשת הרבני ר' מרדכי שטערן ז"ל מק"ק סאנטוב די פאטער פון הג"ר יצחק אייזיק שטערן ראב"ד מישקאלץ (זעה אין וילקט יוסף שנת ט"ו (תרע"ו) קובץ כ"ד).

ט. פון זיי איז באקאנט די קינדער: ר' ישראל יונה ליפשיץ מק"ק גאווע, הרבנית מ' שרה ריזל ע"ה אשת הג"ר שמואל גינז אבד"ק אבראהאם, מ' טויבא ע"ה אשת הרבני מו"ה ר' דוד כ"ץ גראס ז"ל מק"ק סאנטוב, הרבנית מ' זעלדא ע"ה אשת הג"ר ישעי' קנאפפלער דומ"ץ אוהעלי, מ' מחלה רחל ע"ה אשת הרבני מו"ה ר' אברהם צבי הכהן קאהן מק"ק טאקאי.

## הג"ר ברוך ליכטענשטיין אבד"ק נארי קאסטלאן

ארום 30-40 יאר פאר די צווייטע וועלט קריג טרעפן מיר שוין אין די ספרי תולדות וואו עס ווערן אויסגערעכנט די קינדער פון דעם גאון בעל 'שערי תורה', ווערט אויסגערעכנט נאך אן איידעם א גדול בישראל, **הגאון רבי ברוך ליכטענשטיין זצ"ל, אבד"ק קאסטעלאן**.

זעה צום ערשט אין ספר 'אבן המאיר - רבני הגר', געדרוקט אין ווייטצען אין יאר תרס"ט (אות רט"ז) ווערט אויסגערעכנט "הרב ר' ברוך ליכטענשטיין אבד"ק קאסטאלאן, חתנו של הרב הג' בעלי שערי תורה ומת בדמי ימיו". פון דארט ווערט עס געברענגט אין 'שם הגדולים מארץ הגר' (פאקש תרע"ד), מערכת ב', אות יא.

דאס הייסט, אז דער גאון רבי ברוך ליכטענשטיין איז געווען דער איידעם פונעם גאון על שערי תורה, און איז אוועק יונג ל"ע.

אזוי טרעפן מיר אין ספר 'פארי חכמי מדינתנו - שם הגדולים' (סיגעט תר"ע) פון דעם חוקר הרב ר' יקותיאל יהודה גרינוואלד רב בקאלאמבוס אהייא, און אויך אין אנפאנג פון ספר מראה יחזקאל קטן (בערגסאס תרפ"ג). אלע ברענגען אזא איידעם פון דעם גאון בעל שערי תורה, מיט'ן נאמען הרב ברוך ליכטענשטיין.

זעען מיר שוין א נייעם נאמען, נאך א קינד, אן איידעם פון הגאון בעל שערי תורה.

## אייניקלעך פון בעל 'שמן רוקח'

די משפחת שמן רוקח האט זוכה געווען צו אזא גענעאלאגישן אוצר וואס אנדערע משפחות האבן נישט זוכה געווען דערצו. איינער פון די אייניקלעך פון די גאון בעל שמן רוקח זצ"ל, מיט'ן נאמען **הרב ר' אברהם מינץ ז"ל פון באראווע**, וואס האט זיך אפגעגעבן מיט איבערדרוקן די ספרים פון דעם 'שמן רוקח', איז כדי ארויסצוגעבן און איבערדרוקן די ספרים אין א שענערן פארמאט, איז ער ארומגעגאנגען שאפן נאך געלט, בעיקר ביי די פילע אייניקלעך און משפחה פון בעל 'שמן רוקח'. ער איז אנגעקומען צו משפחות, קרובים און אייניקלעך וואס זענען געווען פארשפרייט אין כל מיני קהלות און שטעט, אין פארשידענע פארשפרייטע לענדער.

ער האט זיך פארבונדן מיט אייניקלעך, צום ביישפיל, פון פראנקפורט, נירנבורג, לייפציג, בערלין, האמבורג אין דייטשלאנד, אדער אייניקלעך פון קראקא, קשאנוב, קלאסנא, פרעמיסלא, אין גאליציע; מיט אייניקלעך פון גלייוויץ און העלישוי אין טשעכן; אייניקלעך פון האלאס, ליסקא, סאנטוב, קאלוב, אין אונגארן, פארשפרייט אין פארשידענע קהילות פון פארשידענע שיכטן פון כלל ישראל. דער 'צד השוה' פון די אלע משפחות איז געווען, אז זיי זענען אלע געווען אייניקלעך פון דעם גרויסן גאון בעל 'שמן רוקח' זצ"ל.

צו דעם וואס ער האט געשאפן געלט פון אייניקלעך פארשפרייט אין פיל פלעצער, האט ער פארצייכנט אין די ספרים די נעמען פון די אלע נדבנים מיט די שטעט וואו זיי האבן געוואוינט, אזוי אז ווער עס טוט גוט אדורכשטודירן די אלע נדבנים, און זייער אפשטאם פונקטליך ביז'ן 'שמן רוקח', באקומט א גאנץ גוטן באגריף, ווער עס זענען די קינדער און אייניקלעך פון דעם בעל 'שמן רוקח'.

קודם האט ער ארויסגעגעבן אין קראקא, אין שנת תרס"ב, צוזאמען מיט זיין ברודער, ר' שמעון מינץ ז"ל, דעם ספר **שו"ת 'שמן רקח חדשות'**. דערנאך האט ער ארויסגעגעבן אין קראקא אין שנת תרס"ד, דעם ספר **יבין שמועה**.

אין יאר תרס"ו, האט ער געדרוקט אין סט' ווארהל דעם ספר **סמא דחיי**, און שנת תרס"ז האט ער געדרוקט אין סט' ווארהל דעם ספר **שערי חכמה**. אין שנת תרס"ט האט ער געדרוקט אין סט' ווארהל דעם ספר **שאלות ותשובות שמן רוקח**, אין שנת תרע"א האט ער געדרוקט אין טאלטשאווא, דעם ספר **מנחת ערב**.

אין די לעצטע פיר ספרים האט ער געברענגט א דעטאלירטע ליסטע פון די אלע נדבנים, אייניקלעך פון דעם מחבר, אדער אפילו מחותנים צום מחבר, וואס דאס איז באמת אן אוצר פון גענעאלאגישער אינפארמאציע.

פאר דעם שרייבער פון די שורות, נאכ'ן גוט אדורכלערנען די אלע נעמען, און פארשטיין די קינדער און אייניקלעך פון דעם בעל 'שמן רוקח' אין שערי תורה, איז נישט אויסגעקומען קיין זכר


מצוה עלי להיות מכיר בטובה ולהודות קבל עם לאלה מנכבדי זקננו המחבר ז"ע
אשר עשו אתי חסד לפנים משורת הדין ויתאמצו בנפשם ומאודם
לתמכני בתמיכה שיש בה ממש ולהחזיקני בדרכי בקודש. — ירומם השם קרנם
בכבוד ונצח לא תמוש מביתם תורה וגדולה וזכות עטרת ראשנו זצוקללה"ה
יעמוד למו סלה כאות נפשם ועתירת עצמם וכשרם המברכם מקירות הלב באמת
ובתמים.

[illegible] אברהם מינץ

הרב הנגיד מו"ה חיים שמעון פערלבערג
נ"י מוויעליטשקא.
הרבני הנגיד המפואר מו"ה יעקב בלוי נ"י
מסאנאק — וכ"ה — חתן הגאון
מו"ה ירמי' לעוו זצ"ל בעה"ס דברי ירמיהו.
גיסו הה' מו"ה משה גראס נ"י מאוהעל.
הרב הה' מו"ה וואלף לעוו נ"י בהגאבדק"ק
אונגוואר שליט"א.
הרבני הנגיד המפואר מו"ה פייבל הירש
גראס נ"י מאוהעל נכד הגאון דברי ירמיהו.
הה"נ המפואר מו"ה בנימין וואלף מינץ נ"י
אבדק"ק גלייוויץ.
הה"נ המפואר מו"ה יצחק מינץ נ"י
אבדק"ק בערענט.
הרופא החכם המפורסם מו"ה פנחס מינץ
נ"י מנירנבערג.
הרבני הנגיד המפואר מהר"א מינץ נ"י שם.
הרבני הנגיד המפואר מו"ה בעריש מינץ
נ"י מנירנבערג.
הרב הנה"ח מו"ה אברהם יצחק קליין נ"י
חתן דודי הגאבד"ק קעמפען שליט"א.
הרבני הנגיד המפואר מו"ה שמואל מינץ
נ"י מנירנבערג.
הרבני הנגיד הותיק המפואר מו"ה שמואל
אהרן ראטהויז נ"י מנירנבערג.
הה' הרבני הנגיד המפואר מו"ה יחיאל מיכל
לעוו נ"י מאוהעל.
הנגיד הותיק המפורסם ידידי ציון מו"ה
יחיאל מארקאוויטש נ"י מסאטמאר
חתן הגאון אונגוואר שליט"א.
וגיסו הרבני הנגיד המפואר מו"ה מרדכי
פעטערפריינד נ"י חתן הגאבדק"ק
אונגוואר שליט"א מוואלענדארף.
הה"נ המפואר מו"ה אברהם זינגער נ"י
אבדק"ק ווארפאלאמא.
חתנו הה"נ המפואר כליל השלמות מו"ה
ברכי' שיק נ"י אבדק"ק ארמה' סעמעשוואר.
הה"נ המפואר מו"ה בנימין וואלף זינגער
אבדק"ק ליפטוי סענטמיקלאש.
הרבני הנגיד המפואר מוהר"ע זינגער נ"י
משטוהלווייסענבורג.
הה"נ המפורסם מו"ה שלמה יהודה זינגער
נ"י אבדק"ק רימא סאמבאט.
עטרת ישרי לב מו"ה משה בן חנה רייצא
ראטהויז נ"י יליד טארנאוו.
שאר בשרי האברך הנגיד מו"ה
וואלף ליכטבלויא נ"י מטארנאוו חתן
דודי הרה"ג אבדק"ק קעמפין שליט"א.
הנגיד המפורסם יקר הרוח מו"ה מרדכי
לעהרפריינד נ"י מקראקא בן בנו
של המחבר ז"ע.
דודי הנגיד המפורסם מו"ה יהושע האלצער
נ"י מקראקא חתן בן המחבר.
ובנו הה"נ המפו' מו"ה יצחק האלצער נ"י
אבדק"ק שווער א' א'.
וחתנו הרבני הנגיד המפואר מו"ה אברהם
גאלדוואססער נ"י מלייפציג.
והרבני הנגיד המפורסם מו"ה יוסף רובין
נ"י מבערלין.
ש"ב נכד המחבר הנגיד המפורסם יר"ש
מו"ה וואלף בלוי נ"י מטאלע.
ש"ב הרה"נ נכד המחבר מו"ה אייזיק שטערן
נ"י הומו"ץ דק"ק מישאלץ אשר נדב
לתת את הס' סמא דחיי מביבליאטעק
שלו לידי להדפיסו ישלם ה' פעלו
וזכות המחבר יעמוד לו ולזרעו
אחריו עד עולם.
הרב הנגיד ותיק וחסיד מו"ה אליעזר
לעהרפריינד נ"י מליבישוב.
הנגיד הגביר ותיק וחסיד מו"ה שלמה
זעלענפריינד מרימנוב.
הרבני הנגיד המפו' מו"ה אליעזר ווייסבערג
נ"י מהאמבורג.
הרב החסיד המפורסם מו"ה מרדכי יואל
ווייסבערג נ"י מפראנקפורט דמיין.
ש"ב נכד המחבר הרבני הנגיד מו"ה נפתלי
בענעט נ"י מערלוי

א דוגמא פון א רשימה פון אייניקלעך פון בעל 'שמן רוקח', וואס האבן מנדב געווען צו דרוקן דעם ספר 'סמא דחיי'

אדער קיין ראיה, אז די קינדער און אייניקלעך פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין אבד"ק קאסטאלאן, זאלן פארעכנט ווערן אויך אלס אייניקלעך פון בעל 'שמן רוקח'.

און טאקע אין ספר 'זכרון אלעזר', תולדות פונעם בעל 'שמן רוקח' און 'שערי תורה', וואס איז געדרוקט געווארן אין מישקאלץ שנת תרצ"ז, וואו ער רעכנט אויס די קינדער און אייניקלעך פון דעם בעל 'שמן רוקח' און אויך די קינדער און אייניקלעך פון זיין זון דער בעל 'שערי תורה', ווערט נישט דערמאנט אזא איידעם ווי הג"ר ברוך ליכטענשטיין פון קאסטאלאן.

אבער דאס אליין איז נישט גענוג. עס קען גאר זיין אז דאס איז פונקט פארגעסן געווארן, איז כדי דאס צו דערגיין האבן מיר זיך אריינגעלייגט צו פארשטיין וואס מער מען קען אויפדעקן פון דער ביאגראפיע און גענעאלאגיע אויף דעם גדול הג"ר ברוך ליכטענשטיין, דער רב פון קאסטאלאן, אין מיט דעם ווען מיר פרובירן פעסטשטעלן אויב עס איז אויטענטיש.

## געבויט אויף א הסכמה

איידער מיר וועלן אביסל אריינגראבן אין דער ביאגראפיע אויף הג"ר ברוך ליכטנשטיין, דארף מען קודם כל נאכגיין, וואס עס קען זיין דער מקור פון אויבנדערמאנטע ספרים וואס רעכנען אויס הג"ר ברוך ליכטענשטיין, דעם קאסטאלנער רב, אלס אן איידעם פון דעם גאון בעל 'שערי תורה'.

וויזט זיך אויס, אז הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל איז אדורכגעפארן די שטאט נייפעסט [פעסט חדש], ווי מיר וועלן ווייטער ברענגען. דארט, אין נייפעסט, האט ער חתונה געמאכט זיין זון ר' יוסף ז"ל אין יאר תרכ"ב, ער האט געהאט נאך משפחה דארט וואו מיר וועלן ווייטער ברענגען,

ווען ער איז אדורכגעפארן אינמיטן דער וואך פון פרשת שלח אין יאר תרכ"ג. דעמאלס האט אים

געבעטן ר' יהודה הלוי דעסויער ז"ל א הסכמה אויף זיין אויסגאבע, א שולחן ערוך מיט נקודות וציונים, און מיט אן איבערטייטשונג אויף דער דייטשער שפראך.

דארט גיט ער אים א הסכמה, וואו ער חתמ'ט זיך אונטער: כה דברי המדבר לכבוד התורה ולומדיה בעת מסעי פה פעסט חדש לסדר שלח תרכ"ג, הקטן ברוך ל"ש זעירא דמן חבריא חפ"ק והגליל יע"א".

דאס קעפל איבער דער הסכמה איז: "**מכתב עדות מהרב המה"ג החריף מוהר"ר ברוך ל"ש נר"ו, חתן בעל שערי תורה זצלה"ה**".

דאס הייסט, אז לויט דעם קעפל העכער די הסכמה אין יאר תרכ"ג, איז הג"ר ברוך ליכטנשטיין דעמאלס געווען אן איידעם פון דעם גאון בעל שערי תורה. דאס איז טאקע דער מקור פאר די אויבנדערמאנטע ספרי תולדות וואס ברענגען טאקע אזוי.

אבער וואס דאס מיינט, צי ער האט טאקע געהאט קינדער פון דעם זיווג, צי זענען די קינדער און אייניקלעך פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין אבד"ק קאסטאלאן, אייניקלעך פון דעם גאון בעל 'שערי תורה', דאס שטייט נישט דארט!

מיט דעם אלעם האבן מיר זיך גענומען די מיה חוקר צו זיין די זאך, נאך דעם ווי די אייניקלעך פון משפחת ליכטנשטיין האבן אנגענומען פאר א דבר פשוט צו זיין אייניקלעך פון דעם גאון בעל שערי תורה און שמן רוקח, צו זעהן אויב עס איז טאקע אזוי.

## נאדי קאסטאלאני / וועלקע קאסטאלני

נאדי קאסטאלאני אויף אונגאריש, און וועלקע קאסטאלני אויף סלאוואקיש, וואס דאס מיינט גרויס קאסטאלאן, איז א קליין שטיל שטעטל, אין


מכתב עדות מהרב המה"ג החריף מוהר"ר
ברוך ל"ש נר"ו. חתן בעל: שערי תורה זצלה"ה.

גור אריה יהודה, לתורה ולתעודה, ה"ה הרב המופליג החריף ובקי נותן אמרי שפר: לכד קרית ספר. מוהר"ר יהודה הלוי בן ידיד עליון ה"ה הרב המאה"ג המפורסים, חובר חיבורים מחוכמים מוה"ר גבריאל איש דעסויער נר"ו אשר מאיזה שנים שהיה למורה דרך לרב ומנהיג בפעסט חדש הכרתי בו שברא כרעו דאביו הוא, ושם ראיתי מגאונים גדולים כתבים כתבי התרת הוראה אשר סמכו ידיהם על ראשו, ליתן עליו עטרת חכמים להיות מורה הוראה בישראל בכתב ידם ממש. ומי אנוכי זעירא דמן חבריא אשר יהיה צריך לעדותי, וגם אני מסכים עמם. וכעת אשר הוציא לאור פירוש נחמד על אדונינו רש"י זצ"ל בלשון לע"ז ומחמת שעיני העברים חשכו בעו"ה בלשון הקודש ע"כ אינם מבינים את פירוש של רבינו אשר מאיר עינינו בתורתנו הקדושה: ועתה על ידו יהיו זוכים לשתי שלחנות. על כי אמרתי לו כגון דא מצוה לפרסמו ברבים ולשבחו. שראיתי איזה עלים שהמה לתרופה: רק חזק וגמור את המצוה וזכות רבנו שלמה יצחקי יעמוד לו שיוכל לגמור את אשר במחשבתו. כה דברי המדבר לכבוד התורה ולומדיה בעת מסעי פה פעסט חדש לסדר שלח תרכ"ג לפ"ק.

הקטן ברוך ל"ש
זעירא דמן הבריא חפ"ק והגליל יע"א.

א. ה: עוד יש לי מכתבים והסכמות מרבנים מפורסמים אנשי שם וגאוני הדור. אשר סמכו ידיהם על ראש מחברתי, ודברו עליו נכבדות וכלם משתמשים בכתר א'. שראוי ומצוה היא לחלק ספרי אלה ביעקב ולהפיצם בישראל. ואך מפאת קוצר היריעה וההוצאת הדפוס כי רבה היא מאוד, לא יכולתי כעת להדפים מליצתם הרמה ואתם הסליחה.

די הסכמה פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין אבד"ק קאסטאלאן, וואו ער פאררופט זיך אלס איידעם פון דעם גאון בעל 'שערי תורה'



א מציבה פון איינעם פון די אייניקלעך פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל, פארצייכנט אלס אייניקלעך פון בעל שמן רוקח און שערי תורה



סלאוואקיע, נישט ווייט פון פישטיאן, קאסטאלאן איז געווען אן אלטע קהילה. מיר טרעפן אויפ'ן אלטן בית החיים פארבליבענע מצבות פון די ערשטע יארן פון דער קהילה, ווי למשל פון שנת תקנ"ה, אין די בליענדיגע צייטן פון דער קהלה איז עס באשטאנען פון ארום 200 נפשות. אין די יארן ווען די אונגארישע קהילות האבן זיך געטיילט, שנות תרכ"ט-תר"ל, ווען יעדע קהילה האט געמוזט מחליט זיין צו וועלכער קהילה זי געהערט, צו די ארטאדאקסען [פרומע], אדער צו די נעאלאגען [רעפארמער], איז קאסטאלאן געווען גענויגט צו די ארטאדאקסן.

אין תשובת חתם סופר[י] ווערט דערמאנט א תלמיד מיט'ן נאמען ר' חיים, וואס איז געווען דיין אין קאסטאלאן אין יאר תק"ץ.

אין יאר שנת תרי"ב טרעפן מיר שוין אלס אב"ד, דעם גאון רבי ברוך ליכטענשטיין זצ"ל.

אין יאר תרנ"א, נאך דער פטירה פון הגאון רבי ברוך ליכטענשטיין זצ"ל, איז אויפגענומען געווארן הג"ר מרדכי אפרים פישל זוסמאן סופר זצ"ל [א זון פון הג"ר חיים סופר, בעל 'מחנה חיים'], אויף זייער א קורצער צייט. ביז שנת תרנ"ג לערך איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין טשוז. שפעטער איז ער געווארן דער ראש בית דין אין בודאפעסט, וואו ער איז געווען באקאנט אלס "טשוזער רב".

דערנאך איז דער רב אין קאסטאלאן געווען הג"ר משה ווייס זצ"ל אבד"ק קאסטאלאן. אין צייט פון ערשטן וועלט קריג האט ער זיך באזעצט אין טירנוי, וואו ער איז נפטר געווארן און באערדיגט געווארן י"ד אייר שנת תר"ץ.

דערנאך האט דארט משמש געווען ברבנות הג"ר ישכר שלמה טייכטאהל זצ"ל דומ"ץ פישטיאן.


פון די עלטסטע מצבות וואס זענען נאך היינט דא אויפ'ן בית עלמין אין קאסטאלני, פון יאר תקנ"ה

ליידער זענען די שטיינער פון אלטן בית עלמין געווען צעהאקט און צע'מזיק'ט, ביז מ'האט לעצטנס אביסל איבערגעמאכט דעם בית עלמין, צוזאמענגעשטעלט די צעבראכענע מצבות, אבער א גרויסער חלק פון די מצבות פעלן נאך.

אין דעם שטעטל קאסטאלאן האט אויך געוואוינט פאר א קורצער תקופה רבי עמרם בלוי ז"ל, ווי הגאון רבי יהודה אסאד זצ"ל שרייבט צו אים אין יאר תרכ"ו[יא], דער פאטער פון הרב ר' יצחק שלמה בלוי ז"ל פון ירושלים, די עלטערן פון הרב משה בלוי ז"ל און הרב ר' עמרם בלוי ז"ל אין ירושלים.

---

י. יורה דעה סימן כ'

יא. זעה שו"ת מהרי"א יהודה יעלה, סי' ס"ו.

## זיין אפשטאם און לעבן

ס'איז נישט צופיל באקאנט וועגן דעם גאון רבי ברוך ליכטענשטיין זצ"ל, אבער פארט ווערן מיר דא אראפברענגען גאנץ אסאך פרטים איבער אים, וואס מיר טוען דא צום ערשטן מאל אויפדעקן.

רבי ברוך זצ"ל איז געבוירן לערך שנת תקס"ח אין דער שטאט בארדיטשוב אין רוסלאנד. זיין מוטער האט געהייסן מ' רחל ע"ה.

מיר טרעפן אים אין פריישטאט[יב] שוין אין יאר תק"ץ אלס אן איידעם פון הרבני מו"ה ר' מרדכי פרידמאן ז"ל, האבנדיג קינדער מיט זיין טאכטער מ' שרה מירל ע"ה.

## א פנקס מילה כתב יד

פאר דעם שרייבער פון די שורות האט זיך געמאכט א געלעגנהייט צו לייגן א האנט צו קענען חוקר זיין א 'פנקס מילה', פון איינעם פון די חשוב'ע מוהלים אין דער אור-אלטער קהילה פריישטאט. ווי עס ווייזט זיך ארויס נאכ'ן פארשן דעם אוצר, איז עס נישט מער און נישט ווייניגער ווי דער 'פנקס מילה' פון דעם אויבנדערמאנטן הרבני מו"ה ר' מרדכי פרידמאן ז"ל פון פריישטאט.

ר' מרדכי פרידמאן ז"ל איז געווען א ברודער פון הגאון ר' יהושע ישראל **שלום** פרידמאן זצ"ל אבד"ק העליטשאבא ופריישטאט, ביידע זיהן פון הרבני מו"ה ר' צבי הירש ז"ל.

ר' שלום ווערט עטליכע מאל דערמאנט אין שאלות ותשובות 'חתם סופר', און איז ווארשיינליך געווען א תלמיד פון מרן בעל 'חתם סופר' זצ"ל[יג]. ער איז נפטר געווארן אין פריישטאט ו' עש"ק י"ז אלול שנת תקצ"א, און איז באערדיגט געווארן אויפ'ן אלטן בית עלמין אין פריישטאט.

דער 'פנקס מילה' פון רבי מרדכי פרידמאן ז"ל, האט אין זיך א שלל מיט ידיעות און פרטים וועגן זיין משפחה, וואו ער האט געמל'עט זיינע בני משפחה, זיינע קינדער און אייניקליך און קרובים. צווישן זיי דערמאנט ער די ברית'ן פון די קינדער פון זיין טאכטער, מ' שרה מירל ע"ה, און איידעם הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל, נאך אין פריישטאט, איידער זיי האבן זיך געצויגן קיין קאסטאלאן.

ער רופט זיין איידעם מיט'ן טיטל 'מורינו', וואס דאס ווייזט אז ער איז שוין דעמאלס געווען אן אויסגערופענער תלמיד חכם, "**מה"ו ברוך ל"ש**".

ד' תשרי פון יאר תק"ץ, איז ר' מרדכי געווען סנדק און אויך געמאכט 'חיתוך' ביי זיין אייניקל דוד הערש, א זוהן פון "**מה"ו ברוך ל"ש**".

234. ביום ד' ד' תשרי תק"ץ סנדקאות וחיתוך אצל נכדי דוד הרש בן מהו' ברוך ל"ש ויזכה עם אשתו היא בתי שרה מירל תי' לגדלו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן וכי"ר.

אין יאר תקצ"ג, תענית אסתר, האט ער געמאכט 'חיתוך' ביי זיין אייניקל משה, א זוהן פון זיין טאכטער מ' שרה מירל ע"ה און זיין איידעם "**מהו' ברוך נ"י**".

242. תקצ"ג, ביום ב' אסתר תענית חיתוך אצל נכדי הילד משה בן בתי שרל מירל ובן חתני מהו' ברוך נ"י, ויזכו לגדלו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן.

די מוטער פון מ' שרה מירל ע"ה האט געהייסן מרת



דער 'פנקס מילה' פון רבי מרדכי פרידמאן ז"ל פון פריישטאט, ווי ער מל'עט זיינע אייניקלעך, די קינדער פון זיין איידעם, הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל

מלכה ע"ה, ווי רבי מרדכי פרידמאן ז"ל ברענגט אין 'פנקס מילה', אז אין יאר תקע"א, דינסטאג נאך יום כפור, האט ער געמאכט חיתוך ופריעה פאר זיין זוהן "מלכיאל", נאך דער קבורה פון זיין ווייב מ' מלכה ע"ה, די מוטער פון דאס קינד. זעט אויס אז זי איז אוועקגענומען געווארן רח"ל פון דער וועלט קורץ נאך זיין געבורט, מעגליך א תוצאה פון האבנדיג דאס קינד, אזוי אז מען האט איר נעבעך קובר געווען אין טאג פונעם ברית פון איר אייגן קינד. עס קען זייער מעגליך זיין, אז דער נאמען "מלכיאל", וואס דאס קינד האט באקומען, איז על שם אמו "מלכה".

33. תקע"א, ביום ג' למחרת יה"כ תקע"א לפ"ק חיתוך ופריעה אצל בני הילד מלכיאל, והברית הי' בעו"ה אחר קבורת אמו ה"ה זוגתי האשה מ' מלכה ע"ה. יה"ר שאשמח בי"ח בעה"ז ותגל אמו הנ"ל בג"ע בפרי בטנה, ואזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן.

## די קינדער פון רבי מרדכי פרידמאן ז"ל פון פריישטאט

לויט דעם 'פנקס מילה' פון רבי מרדכי פרידמאן ז"ל, קומט אויס א רשימה פון זיינע קינדער.

פון זיין ערשטן זיווג, מ' מלכה ע"ה, האט ער געהאט:

א. די טאכטער, הרבנית מ' שרה מירל ע"ה, די רביצין פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל אבד"ק קאסטאלאן.

ב. די טאכטער, מ' גיטל ע"ה, די פרוי פון הרבני מו"ה ר' דניאל ז"ל, ווי מיר טרעפען אין דעם מוהל-ביכל ווי דער זיידע רבי מרדכי ז"ל האט גע'מל'עט איין זוהן שמשון אין יאר תק"פ, און א צווייטן זוהן, יצחק, אין תקפ"ב.

ג. די טאכטער מ' ריזל ע"ה, די פרוי פון הקצין ר' בונם לעווי ז"ל[יד]. ער איז געבוירן אין שוראן לערך שנת תקנ"ג. פאר דעם ווערט ער גערופען ר' בונם שוראן, א תלמיד פון גאון בעל חתם סופר זצ"ל און פון דעם גאון רבי דוד דייטש זצ"ל פון עיר חדש. ר' בונם האט קודם געוואוינט ביי זיין שווער אין פריישטאט, און דערנאך אין קמאהרן. דארט טרעפן מיר ווי דער זיידע, ר' מרדכי פרידמאן האט גע'מל'עט, די קינדער, אברהם המכונה אבר אין תקפ"א, צבי הירש אין תקפ"ג, ליבוש אין תקצ"ד.

שפעטער איז ר' בונם אריבער קיין נייפעסט צוזאמען מיט זיין ברודער, און דארט מייסד געווען די קהילה. ר' בונם איז נפטר געווארן אין נייפעסט ח' שבט שנת תרי"ז.

ד. א זוהן, ר' חיים ליב ז"ל. ביי אים איז געבוירן א זוהן מיט'ן נאמען משה, אין תקפ"ז.

ה. א זוהן, ר' אברהם פייביל ז"ל, געבוירן אין יאר

יב. א הערליכע אלטע קהילה אין סלאוואקיע, אויף אונגאריש האט מען דאס גערופן גאלגאץ / Galgocz, אויף סלאוואקיש הייסט דאס היינט הלאהאוויץ / Hlohovec, אויף דייטש הייסט דאס פריישטאט / Freystadtl, אזוי אז אידן האבן דאס גערופן בדרך כלל פריישטאט.

יג. זעה אין ספר החתם סופר ותלמידיו, עמוד תכה.

יד. זע אין ספר החתם סופר ותלמידיו, עמוד ק', ווי ער איז נישט ריכטיג אינדענטפיצירט אלץ ר' דוב לעווי, געבויעט אויף די השערה אז Bernard איז א איבערטייטשונג פון די נאמען בער - דוב, ביז דערווייל איז זיין ריכטיגע אידישע נאמען געווען **בונם** אין נישט בער.

תקס"ז אין פריישטאט.

ו. א זוהן, מלכיאל ז"ל, ווארשיינליך הייסט ער נאך זיין מוטער "מלכה", ווייל זיין מוטער איז פריצייטיג געשטארבן, וואס דאס איז געווען צווישן זיין געבורט און זיין ברית.

ר' מרדכי פרידמאן ז"ל האט נאך אמאל חתונה געהאט און געהאט נאך צוויי קינדער.

ז. א זוהן מיט'ן נאמען יעקב קאפיל, געבוירן אין יאר תקע"ב.

ח. א זון, משה, געבוירן אין יאר תקע"ג.

על כל פנים, מיר זענען קלארע באווייזן ווער ס'איז באמת געווען די פרוי פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין, און ווער ס'זענען געווען איר פאטער און מוטער, זי האט געהייסן "שרה מירל", און אירע עלטערן זענען געווען רבי מרדכי פרידמאן ז"ל און מ' מלכה ע"ה פון פריישטאט, און נישט דער בעל 'שערי תורה'.

## א נדבה, א הויז אין ירושלים

איינער פון די קינדער פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל, איז געווען א איד א נגיד, הרבני מו"ה ר' יוסף ליכטענשטיין ז"ל פון נייפעסט, אונגארן. ער האט געקויפט א הויז פאר די ארימעלייט פון כולל רבי מאיר בעל הנס אין ירושלים.

דער ציל דערפון איז געווען, אז א תלמיד חכם פון די בני הכולל, זאל קענען האבן א דירה אומזיסט, און לעבן בהרחבת הדעת, אבער דער תלמיד חכם מוז




א דוגמא פון א רשימה פון אייניקלעך פון בעל 'שמן רוקח', וואס האבן מנדב געווען צו דרוקן דעם ספר 'סמא דחיי'

היטן די לימודים אין די יארצייטן פון דעם בעל הבית פונעם הויז, און דעריבער האט מען איינגעשריבן די יאהרצייטן אין דעם פנקס פון כולל.

ר' יוסף האט פארשריבן די יארצייטן פון זיין פאטער און מוטער, און אויך זיינע קינדער וואס זענען אים אוועק בחייו, זייערע יארצייטן, כדי דער כולל יונגערמאן וואס וועט וואוינען אין דעם הויז זאל קענען לערנען לעילוי נשמתם.

***שמות הנוחי נפש***

*אביו הרה"ג ברוך בן רחל, אבד"ק ג' קאסטאלא, נפ' כ"ו טבת*

*אמו הרבנית מרת שרל מירל בת מלכה, נפ' ח' טבת*

*בנו הר"ר משה בן רייזל, נפ' י"ד סיון*

*בנו הר"ר בנימין זאב בן רייזל, נפ' כ"ח טבת*

*בנו הר"ר צבי בן רייזל, נפ' כ"ט אייר*

זענען מיר קלאר דעם פאראפאלק איז הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל מיט זיין פרוי הרבנית מ' שרל מירל בת מלכה ע"ה, וואס האבן צוזאמען געהאט א שטוב מיט קינדער, צווישן זיי, דוד הירש, משה, יוסף.

ביז דערווייל זענען מיר נישט קיין קשר אז די פרוי פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל, זאל האבן א שייכות צום גאון בעל 'שערי תורה', ווען איר פאטער איז געווען א איד מיט'ן נאמען "רבי מרדכי פרידמאן ז"ל פון פריישטאט", און איר מוטער איז געווען מ' מלכה ע"ה.

עס איז אויך אוממעגליך צו זאגן, אז מ' מלכה ע"ה, די מוטער פון מ' שרה מירל ע"ה, זאל זיין די טאכטער פון דעם גאון בעל 'שערי תורה', אזוי אז די רעביצין פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין איז געווען אן אייניקל פון בעל 'שערי תורה', אנשטאט א טאכטער פון דעם 'שערי תורה'. דאס קען פשוט נישט זיין, ווייל דער גאון בעל 'שערי תורה' האט באמת געהאט א טאכטער מיט'ן נאמען הרבנית מ' מלכה ע"ה, וואס זי איז געווען די רביצין פון הג"ר יצחק נתן ליפשיץ אבד"ק מאד און סאנטוב. זי איז נפטר געווארן ז' אדר שנת תרכ"ט און איז באערדיגט אין סאנטוב, אזוי ווי מיר האבן פריער אראפגעברענגט. דאס קען פשוט נישט זיין די זעלבע ווי מ' מלכה ע"ה די מוטער פון

טו. לויט'ן געבורט פארצייכענונג אין קאסטאלאן.




א דוגמא פון א חתימה פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל, מיט'ן זיגל וואס באשטייט פון ב. ל"ש [דאס מיינט ברוך ליכטענשטיין]

מ' שרל מירל ע"ה, וואס זי איז קלאר אוועק אין פריישטאט אין יאהר שנת תקע"א, ווי מיר האבן פריער געברענגט פון דעם 'פנקס מילה'.

## נאך פרטים איבער דעם קאסטאלנער רב

נאכ'ן נישטערן וועגן דעם גאון רבי ברוך ליכטענשטיין זצ"ל אין די ביכער אין קאסטאלאן, קומט אויס א מער קלארער בילד אויף זיין אידענטיפיקאציע און לעבנס ביאגראפיע.

ווי מיר האבן געברענגט, איז ער אין יאהר תקצ"ג, נאך געווען אין פריישטאט. איז אים געבוירן געווארן זיין זוהן משה.

דערנאך ווייסן מיר קלאר אז אין יאר תרי"ב איז ער שוין געווען דער אב"ד פון קאסטאלאן. מיר טרעפן ווי ער חתמ'עט זיך כסדר אין די ביכער אין קאסטאלאן אלס Bernard Lichtenstein, Rabbiner.

אין קאסטאלאן איז אים געבוירן א טאכטער מ' האני ע"ה, אין טאג פון ט"ז אדר שנת תרי"ב[טו], צו די עלטערן בערנארד ליכטענשטיין און מ' סאלי לבית פרידמאן, וואס דאס איז דער רב, הג"ר ברוך ליכטענשטיין, מיט זיין פרוי, מ' שרה מירל לבית

פרידמאן.

עס קען אפשר זיין, אז ער איז שוין אסאך פריער געווען אין קאסטאלאן. מיר האבן פשוט נישט קיין דאקומענטן פון פאר דעם יאר תרי"א.

די רעביצין מ' שרל מירל ע"ה, א געבוירענע פון פריישטאט, איז אבער נפטר געווארן אין קאסטאלאן אין עלטער פון 47 יאהר, יאנואר 4 1857 (תרי"ז), דאס שטימט מיט דער יאהרצייט וואס איר זון הנגיד ר' יוסף פון נייפעסט האט פארצייכנט אין כולל רבי מאיר בעל הנס, "ח' טבת".

ווי עס ווייזט אויס, האט הג"ר ברוך נאך אמאל חתונה געהאט. מיר טרעפן אנגעצייכנט אין די ביכער אין קאסטאלאן דעם הייראט, ווי אלס אלמן פון 48 יאהר, האט ער חתונה געהאט יוני 16 1859 (תרי"ט) מיט א פרוי פון באטורקעז וואס איז אלט 46 יאהר. מער פרטים איבער דער פרוי שטייט נישט אין דעם חתונה שיין.

דער זיווג האט נישט אנגעהאלטן צו-לאנג, און מיר טרעפן אז ר' ברוך האט חתונה געהאט צום דריטן מאל א יאר שפעטער, יוני 20 1860, מיט אן אלמנה, מ' רעזי ע"ה, אלט 35 יאר, די טאכטער פון הרבני מו"ה ר' אלי' קרויס ז"ל פון ניישטעטל (עיר חדש).

מיט יענער פרוי, האט ר' ברוך האט געהאט לכל הפחות צוויי קינדער. זי ווערט אנגערופען "ראזא קרויס". איין זוהן, פיליפ, געבוירן אין קאסטאלאן אוגוסט 29 אין יאר תרכ"א. איין זוהן, נאטאן (אדער מאנדי) געבוירן יולי 19 אין יאר תרכ"ג. זייערע אידישע נעמען זענען נישט באקאנט.

אין די צענסוס-ציילונגען פון יאר תרכ"ט אין קאסטאלאן, ווערן אויסגערעכנט דער רב, ר'


| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | Lichtenstein Bernard | 1 | . | 1809 | izraelit | ženaty | Rabín | samostatný | Bardičov Ruské Polsko | vie vie |
| 2 | Tereria manžel. | . | 1 | 1825 | izrael. | vyd. | obstaráva dom. | . | Nové mesto nad Váhom Nitra | vie vie |
| 3 | Filip syn | 1 | . | 1861 | izrael. | sl. | | . | Kostolany Nitra | vie vie |
| 4 | Mundi syn | 1 | . | 1863 | izrael | sl. | | . | Kostolany Nitra | vie nie |
| 5 | Pollakovič Ama | . | 1 | 1857 | R. katol. | sl. | služka pri | dome. | Kostolany Nitra | nie nie |

די צענסוס-ציילונגען פון יאר תרכ"ט אין קאסטאלאן, וואו עס ווערט געציילט הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל און זיין משפחה

ברוך ליכטענשטיין, געבוירן אין בארדיטשוב אין רוסלאנד-פוילן, אין יאר תקס"ט, מיט זיין פרוי, מ' טרעזיע קרויס, געבוירן אין ניישטאטל תקפ"ה, מיט די צוויי זוהן, פיליפ - געבוירן תרכ"א, און מאנדי - געבוירן תרכ"ג.

הג"ר ברוך איז נפטר געווארן כ"ו טבת תר"ן, אין עלטער פון 82 יאהר. קומט אויס אז ער איז נפטר געווארן אין טיפן עלטער, קלאר נישט אזוי ווי מיר האבן פריער אראפגעבראכט פון ספר 'אבן המאיר - רבני הגר', געדרוקט אין ווייצען תרס"ט (אות רט"ז) אז ער איז אוועק "בדמי ימיו", דאס מיינט אין זיינע יונגע יארן.

## די קינדער פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל

פון די קינדער פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל פון קאסטאלאן, זענען באקאנט די פאלגענדע:

פון זיין ערשטער פרוי מ' שרה מירל ע"ה, איז געבוירן:



א. א זוהן, הרבני מו"ה ר' דוד צבי ז"ל, גערופען ר' דוד הרש ליכטענשטיין ז"ל, געבוירן סוף שנת תקפ"ט. ווי מיר האבען אויבן געברענגט, איז זיין זיידע, ר' מרדכי פרידמאן ז"ל, געווען דער סנדק און אויך געמאכט 'חיתוך', ד' תשרי שנת תק"ץ.

ב. א זוהן, הרבני מו"ה ר' משה ליכטענשטיין ז"ל, פון נייפעסט. ווי מיר האבן אויבן געברענגט, האט זיין זיידע, ר' מרדכי פרידמאן, געמאכט 'חיתוך' ביי זיין ברית, תענית אסתר שנת תקצ"ג.

ג. א טאכטער, מ' אמאליא, די פרוי פון הרבני מו"ה ר' שמואל שטייניץ אין בודאפעסט.

ד. א טאכטער, מ' גיטל ע"ה, די פרוי פון הרבני מו"ה ר' משה צוויקעל ז"ל פון פריישטאט. ער איז געבוירן אין קאריטנא לערך שנת תקצ"ו. זיי האבן חתונה געהאט אין קאסטאלאן דעם 13'טן אוגוסט 1860 (תר"כ).

זיי האבן זיך שפעטער אריבערגעצויגען קיין פרעשבורג, ר' משה (בן פראדל ע"ה) צוויקעל איז דארט אוועק ו' אלול שנת תרע"ד. ער ליגט אויפ'ן בית עלמין אין פרעשבורג. זיין פרוי, מ' גיטל ע"ה, איז נפטר געווארן אין עלטער פון 72 יאהר, כ' תמוז שנת תרע"א, באערדיגט אין פרעשבורג.

פון זייערע טעכטער איז באקאנט א טאכטער, מ' רחל ע"ה, די פרוי פון הרבני מו"ה ר' שמואל פרייפעלד ז"ל, א זוהן פון ר' יהונתן פרייפעלד פון באלקאני. נאך איין טאכטער, מ' פאני ע"ה, די פרוי פון הרבני מו"ה ר' שמשון שטייניץ ז"ל פון עיר חדש.

ה. א זוהן, הרבני מו"ה מרדכי ליכטנשטיין, געבוירן לערך אין יאר תר"ד, ער האט חתונה געהאט אין ניישטעדטל (עיר חדש) אין טאג פון כ"ג אלול אין יאהר תרל"ו[טז], צו מ' חיה געבוירן תרי"ד, די טאכטער פון הרבני מו"ה ר' איצק פאללאק פון טעפליץ. ער איז אידענטיש מיט דר. מאקס ליכטענשטיין אין וויען, וואס איז געשטארבן אין וויען ט"ו אלול פון יאר תרע"ד.

ו. א זוהן, הרבני הגביר הנדיב ר' יוסף ליכטענשטיין ז"ל מק"ק נייפעסט. ער איז געבוירן בערך שנת תקצ"ה. ער האט חתונה געהאט ל"ג בעומר שנת תרכ"ב קיין נייפעסט, צו מרת רייזל ע"ה, די טאכטער פון הרבני מו"ה ר' משה פריעדמאן ז"ל פון אייזנשטאט, און דערנאך נייפעסט (זיין פרוי, מ' גיטל בת רחל לבית זינגער). ער האט זיך באזעצט אין נייפעסט, און דארט אויפגעשטעלט א משפחה. נאך איר פטירה האט ער חתונה געהאט בזוו"ש צו מ' מאטיל בת ר' שמעון ז"ל.

ווי אויבן געברענגט, האט ר' יוסף ז"ל געקויפט א הויז אין ירושלים, כדי צו שטיצן די בני הכולל. ער האט עס מנדב געווען פאר דעם כולל, און אריינגעזעצט אלס אן איינוואוינער איינעם פון די חשוב'ע תלמידי חכמים צווישן די לומדים אין כולל, און אנשטאט דעם איז דער איינוואוינער געווען מחויב מתפלל צו זיין בשלומו, און האלטן די יארצייטן פון ר' יוסף אין זיין משפחה. אין די יארצייטן וואס ר' יוסף האט איבערגעגעבן זענען זיינע עלטערן, אין אויך זיינע דריי קינדער וואס זענען ליידער אוועק פון דער וועלט ל"ע בחייו, ר' משה בן רייזל, נפטר י"ד סיון, ר' בנימין זאב בן רייזל, נפטר כ"ח טבת, ר' צבי בן רייזל, נפטר כ"ט אייר.

ר' יוסף אליין איז נפטר געווארן אין נייפעסט, כ' חשון תרפ"ד, איבערלאזנדיג א חשובע משפחה. איינער פון זיינע זיהן איז געווען הרבני מו"ה ר' צבי הירש ליכטענשטיין פון נייפעסט.

ז. א טאכטער, מ' האני ע"ה, געבוירען אין

טז. לויט די פארהיירעט שיין אין ניישטאדטל.

קאסטאלאן אין טאג פון ט"ז אדר שנת תרי"ב[יז].

ווי אויבן דערמאנט האט ר' ברוך געהאט מיט זיין דריטער פרוי, מיט וועלכער ער האט חתונה געהאט אין יאר תר"כ, נאך צוויי קינדער.

## סיכום הדברים

קומט אויס, דארף מען באמת פארשטיין, וואס איז דער באדייט פון דעם קעפל איבער דער הסכמה אויף דעם איבערגעטייטשטן שולחן ערוך אין יאר תרכ"ג, **"מכתב עדות מהרב המה"ג החריף מוהר"ר ברוך ל"ש נר"ו חתן בעל 'שערי תורה' זצלה"ה".**

דאס איז זיכער, אז ביז'ן יאר תרי"ז איז הג"ר ברוך ליכטענשטיין נאך געווען פארהייראט צו הרבנית מ' שרה מירל ע"ה, וואס זי איז געווען די טאכטער פון רבי מרדכי פרידמאן פון פריישטאט, און זיין פרוי, מלכה ע"ה, וואס האט נישט געהאט קיין שייכות מיט דעם גאון בעל 'שערי תורה'. ממילא, זענען די קינדער וואס זענען געבוירן געווארן, זיכער נישט אייניקלעך פון דעם בעל 'שערי תורה'.

פון נאך תרי"ז, דאס הייסט, אין יאהר תרי"ט, טרעפן מיר טאקע אז הג"ר ברוך זצ"ל האט געהאט א צווייטע פרוי פאר זייער א קורצע צייט, אבער אין יאהר תר"כ האט ער שוין געהאט א דריטע פרוי, מיט'ן נאמען ראזא לבית קרויס, וואס אין תרכ"ט, בשעת די ציילונגען, איז ער נאך געווען פארהייראט צו איהר. צו זאגן אז זי איז געווען א טאכטער פון דעם גאון בעל שערי תורה, איז א זאך וואס שטימט נישט, ווייל זי איז דאך געווען די טאכטער פון ר' אליי' קרויס פון נייאשטאדל, ווי מיר האבן פריער אראפגעבראכט פון דעם 'חתונה שיין'.

אלזא, מוז זיין אז די ווערטער "**חתן בעל שערי תורה זצלה"ה**" פון דער הסכמה פון שנת תרכ"ג, איז גאר א טעות, ווייל אין תרכ"ג איז ער זיכער געווען פארהייראט צו מ' ראזא לבית קרויס, א טאכטער פון ר' אליי' קרויס פון ניישטאדטל, אדער קען זיין נאך א ווערסיע, אז די דריטע פרוי פון הג"ר ברוך ליכטענשטיין זצ"ל איז געווען א שטיף-קינד פון דעם בעל 'שערי תורה', דאס הייסט, א טאכטער פון זיין לעצטער רעביצין מ' רחל ע"ה וואס מיר האבן פריער דערמאנט, און נאך אלץ הייסט ער "חתן בעל שערי תורה זצלה"ה", אבער לפי זה דארף מען פארענטפערן, ווי שטימט דאס מיט ר' אליי' קרויס פון ניישטאט?!

דאס איז אבער קלאר אז די קינדער און אייניקלעך פון דער ערשטער פרוי, זענען זיכער נישט אייניקלעך פון דעם גאון בעל שערי תורה, כאטש אפילו מיר האבן א קלארן מקור וואו עס שטייט אז ער איז געווען אן איידעם פון דעם בעל שערי תורה, מוז דאך נישט זיין אז עס זענען בכלל געווען קינדער פון דעם זיווג, דערצו נאך ווען מיר ווייסן קלאר די אלע קינדער ווער זייער מוטער איז געווען, אזוי אז זיי זענען קלאר נישט קיין אייניקלעך פון דעם שערי תורה.

דא האבן מיר אראפגעברענגט א דוגמא פון א משפחה וואס האלטן זיך פאר אייניקלעך פון דעם גאון בעל שערי תורה, געבויט אויף א הסכמה, וואס נאכ'ן צענעמען און פארשן דעם ענין פון פארלעסליכע מקורות, קומט אויס אז עס איז אוממעגליך, און דער פשט פון דער הסכמה בלייבט א 'חידה סתומה'! א

**פאר הערות און הוספות, קען מען זיך פארבינדן מיט'ן שרייבער: dovweber@gmail.com**

יז. לויט'ן געבורט פארצייכענונג אין קאסטאלאן.



